# פֿון יענער זײַט ליד
# פֿון
# רחל קאָרן

פֿון יענער זײַט ליד איז אַ סוד פֿאַראַן
און אין סוד איז אַ הויז מיט אַ שטרויענעם דאַך –
עס שטייט דרײַ סאָסנעס און שווײַגן זיך אויס,
דרײַ שומרים אויף שטענדיקער וואַך.

פֿון יענער זײַט ליד איז אַ פֿויגל פֿאַראַן,
אַ פֿויגל ברוין-געל מיט אַ רויטלעכער ברוסט,
ער קומט דאָרט צו פֿליִען יעדן ווינטער אויפֿסנײַ
און הענגט, ווי אַ קנאָספּ אויף דעם נאַקעטן קוסט.

פֿון יעדער זײַט ליד איז אַ סטעזשקע פֿאַראַן,
אַזוי שמאָל און שאַרף, ווי דער דין-דינסטער שניט,
און עמעץ, וואָס האָט זיך פֿאַרבלאָנדזשעט אין צײַט,
גייט דאָרט אום מיט שטילע און באָרוועסע טריט.

פֿון יענער זײַט ליד קענען וווּנדער געשען
נאָך הײַנט, אין אַ טאָג, וואָס איז כמאַרנע און גראָ,
ווען ער דופּקט אַרײַן אין דעם גלאָז פֿון דער שויב
די צעפּיבערטע בענקשאַפֿט פֿון אַ וווּנדיקער שעה.

פֿון יענער זײַט ליד קען מײַן מאַמע אַרויס,
און שטיין אויף דער שוועל אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט
און מיך רופֿן אַהיים, ווי אַ מאָל, ווי אַ מאָל:
— גענוג זיך געשפּילט שוין, דו זעסט נישט? ס'איז נאַכט.